גליון 1 | בלתי מוגה

# בקודש פנימה

יוצא לאור על ידי התאחדות אברכים דחסידי סאטמאר, פעיה"ק ירושלים תובב"א

**בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, הננו נותנים לפניכם ברכה, שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, אשר נושא ונותן בפני מרנן ורבנן וגדולי ישראל בעתים שונים, שיופיע מעת לעת להנות בהם אנ"ש, ובזה באנו ליתן מענה לרוות צמאון אנשי שלומינו וחברי קהלותינו הק' בכל אתר ואתר, אשר כבר עידן ועדנים דוחקים ושואלים מי יראינו טוב, ואנ"ש אשר תורתן של רבותינו הק' ושיטתם הקדושה נר לרגלם ואור לנתיבתם, ומקפידים לעיין בדברים שנכתבו ונאמרו על דרך האמת והצדק, מבלי שום משוא פנים וחנופה, ובפרט להחניף לרשעים או מפירי ברית ה' כפי אשר הורונו מרן קודש הקדשים אבינו רועינו רבינו הקדוש בעל ויואל משה זיעועכי"א בספרו הבהיר והקדוש הספר 'ויואל משה', ולכן המה שואלים ומשתוקקים מתי יבוא לידינו דברים המחיים את הנפש בנויים על אדני האמת והצדק, בהכנעה ובענוות חן.**

**על כן אמרנו להעתיק לפני קהל עדתינו החשובים, את שיחות אלו, והננו בזה להדגיש כי האמת נר לרגלינו, ואין אנו משנים מלשונו של כ"ק אדמו"ר שליט"א ימין או שמאל, וזה כל המטרה לרוות אנ"ש הצמאים לשמוע ולהגות בדברי מרן שליט"א מלה במלה, וכדאיתא בחז"ל אפילו שיחת חולין של ת"ח צריכין לימוד (סוכה כ"א). ובמקום גדולתו אתה מוצא ענוותנותו, אך מחמת גודל העבודה רבה הכרוכה בהעתקת שיחות אלו, אין אנו באים להפיצם אלא מפעם לפעם כיד ה' הטובה עלינו, ואדרבה ואדרבה מי שרוצה לעמוד לימנינו בהעתקת השיחות בגוף או בממון נשמח מאוד שישתתף עמנו לזכות את הרבים ולהאיר את לבב קהל עדתינו הצמאים לדבר ה'.**

**וזה אשר נותנים לפניכם ברכה, שיחות קודש עם הגאון הגדול רבי מיכל זילבער שליט"א ראש ישיבת זוועהיל, שהתקיימה ביום רביעי פרשת שלח תשע"א לפ"ק בביתו נאוה קדוש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

## נוכחו: הרה"ג ר' מיכל זילבער שליט"א
## והרה"ג ר' מרדכי זאב האלבערשטאם שליט"א, יו"ר מכון מפעל החק

**הגה"צ רבי מיכל זילבער:** דער הייליגער בת עין (הגה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע, מלפנים אב"ד זיטאמיר, ובשנת תקצ"א עלה לארה"ק והתיישב בעיה"ק צפת). איז געווען אין ארץ ישראל א געוויסע תקופה, האט ער גערופן דעם עולם אויף א סעודת הודאה, קיינער האט נישט געוויסט וואס איז געשעהן - כ'האב עס אליינס געהערט פון די זקנים - האט ער געזאגט ס'איז געווען ביי מיר א שליח און ער האט מיר געזאגט אז [אין ירושלים זענען די שטיינער] בריליאנטן, און איך האב עס נישט געזעהן, ווייזט אויס איך בין נישט געווען ראוי - יענער האט עס געזאגט אזוי דאמירן בעלמא - אבער ער האט עס אנגענומען - כ'האב מיר - זאגט ער - כ'האב געטוהן וואס כ'האב געדארפט - היינט האב איך טאקע זוכה געווען צו זעהן ס'איז טאקע בריליאנטן, מאך איך א סעודת הודאה. [מובא בס' מאמר מרדכי אות ח'].

**אדמו"ר שליט"א:** די זיידע דער קדושת יו"ט זי"ע האט געזאגט אז שבת שרייען די שטיינער, זעהט מען אויף די שטיינער אז ס'איז שבת, ער האט געזעהן[1].

---

[1] כ"ק רבינו ז"ל כותב בספרו ברך משה (פ' ויקהל עמ' ערה) וז"ל: אכן הן מודעת זאת כי לא הרי עבודת הצדיקים בימות החול כהרי עבודתם ביום השבת קודש, וכלשונו הקדוש של הסידורו של שבת (שורש א ענף ג) בעינינו ראינו גודל קדושת השבת על איש החכם והצדיק, אשר גודל אור הקדושה בוער בלבו כרשפי אש, ומים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה התקועה בלבו, ומשתוקקת ומתלהב לעבודת ה' כל הלילה וכל היום של שבת קודש ובאהבתו שוגה, ונראה לכל כי כמעט נכסף בכלות נפשו לאלקים מגודל הבערת אש האהבה הבוער בלבו, ותיכף אחר הטבילה בערב שבת, ניכר עליו התנוצצות קדושת שבת המאיר על פניו, וזיו הדרת אורו מבהיק עד שיראים לגשת אליו,

**הגה"צ רבי מיכל:** די רבי ווייסט מסתמא די מעשה כ'האב עס געהערט פון ר' יואל (אשכנזי) ווען זיין פאטער איז ארויף אויף ארץ ישראל איז ער געווען ביים קדושת יו"ט האט ער געהייסן זיי זאלן עסן פון די זעלבע שיסל.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, די פארסט קיין א"י...

**הגה"צ רבי מיכל:** און מיין יואליש האט ליב א"י.

ער האט שטענדיג מציין געווען, ר' יואל פלעגט זאגן ער איז אלט געווען דעמאלס צען יאר, און ער איז עלטער געווען פון רבין דריי יאר.

**אדמו"ר שליט"א:** אהא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** א אינגל פון זיבן יאר ס'איז שייך צו זאגן אז ער האט ליב א"י.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** ווייזט אויס אז בוצין בוצין מקטפי ידוע. (ברכות מ"ח ע"א).

ר' יואל האט מיר פארציילט ער איז דאך געווען דא ביים רבין.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** האט ער פארציילט - אונז זעמער געווען אינגעלייט און בחורים, ר' יואל איז געווען א שמועסער.

**אדמו"ר שליט"א:** יא יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** מ'האט זיך געקלעבט אין אים מ'האט געהערט פון אים נישט פשוט, האט ער געזאגט - איך וועל אייך זאגן דעם אמת, סאטמאר רב האט האט מיר געבעטן קומען [למדינת אמעריקא], האב איך געשריבן אז איך האב נישט קיין חשק צריק צוקומען אין אן ארון - ער איז דאך שוין געווען א עלטערער מענטש - האט אים דער רבי געשריבן: יואל זאלסט נישט מורא האבן, עלי ועל צווארי.

**אדמו"ר שליט"א:** אזוי?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא אזוי האט ער געשריבן עלי ועל צווארי געשריבן, איז ער געפארן, כ'ווייס נישט יוסל [ה"ה הגאון החסיד רבי יוסף אשכנזי זכרונו לברכה משמשו הנאמן של כ"ק רבינו הקדוש בעל הויואל משה זי"ע] איז דאך געווען א פלומעניק זיינער, יוסל קען זיין האט עס אים ערלעדיגט. איז ער ארום געגאנגען צו נאך רביס דא, ער איז געגאנגען צום סטיטשינער, [ה"ה הרה"צ רבי יודא הארארוויטץ זצ"ל בעמח"ס מנחת יהודה].

איך בין געווען דא תשל"ב די ערשטע מאל, מיין ברודער האט דעמאלטס חתונה געהאט, איך בין אריין צום סטיטשינער, האט מיר דער סטיטשינער דערציילט - דער סטיטשינער איז געווען א ראפשיצער אייניקל (כי היה בנו של הגה"ק רבי יצחק מסטיטשין זי"ע שהיה בנו של הגה"ק מראזוואדאב זי"ע שהיה בנו של רבי אליעזר מדזיקוב בנו של הגה"ק מראפשיץ) - זאגט ער מיר, ר' יואל אשכנזי איז דא געווען, איך האב מכבד געווען כהוגן האב איך אים געזעצט אויף מיין בענקל, שטייט דאך אז מ'דארף תשובה טוהן באותו פרק באותו מקום, האב איך אים געגעבן א קוויטל מיט א פדיון.

**אדמו"ר שליט"א:** הא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** [ואמר האדמו"ר מסטיטשין בדרך צחות] האב איך געזעהן אז ער [רבי יואל] ווייסט די סוד פון ליינען קוויטלעך.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

---

עכל"ק, ושמעתי ממרן דודי זללה"ה כי ככל החזיון הזה ראו אצל ק"ז מרן הקדויו"ט אשר הי' בוער כאש בקדושת השבת, והוה מרגלא בפומיה, כי כאשר יוצאים מן הטבילה בערב שבת רואים שגם האבנים מזהירים מקדושת השבת, עכ"ל.

ופ"א בס"ג בא' משבתות השובבי"ם בסאטמאר, הזכיר רביה"ק בעל זי"ע ענין זה ובכה אין הפוגות באומרו, אבי ז"ל הי' אומר דברים הנ"ל לדבר פשוט שרואים כן בחוש, כי חשב שכולנו באותה מדריגה, שרואים ומרגישים את קדושת השבת כמוהו, סיפר רביה"ק זי"ע שפ"א ראה הקדושת יו"ט שעושים מלאכה בשבת שבנו בית חדש, התחיל לצעוק הנה על האבנים ניכר קדושת שבת ובאותם אבנים מחללים את קדושת השבת, ולא מצא מרגוע לנפשו, ועוד סיפר רביה"ק זי"ע שאביו הקדושת יו"ט לא נסע אף פעם לשבות בעיר ניערעדהאז, אף שהיו שם הרבה חסידי סיגוט שהסתופפו בצלו והפצירו בו שיבואו לשבות אצלם, ואמר טעמו מחמת שהיומא דשוקא (מארק טאג) בניערעדהאז הי' ביום שבת קודש, ונגרם ע"י זה חילול שבת גדול בעיר, ולא הי' יכול לסבול חילול שבת כזה, ואמר שהאבנים מתרעמים וצועקים על שמחללים שם את השבת.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** דאס קוויטל האט ער געלאזט אויפן טיש, די פדיון האט ער אריינגעלייגט טיף אין קעשענע.

**אדמו"ר שליט"א בחיוך:** יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** דאס האב איך געהערט פונעם סטיטשינער יאר תשל"ב.

**אדמו"ר שליט"א:** איר זענט א געבוירענער אין טבריה הייסט עס?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא איך, מיין עלטערן מיין טאטע מיין מאמע, מיין טאטעס טאטע איז געקומען פון פוילן, מיין טאטעס מאמע איז געבוירן אין טבריה, מיין מאמעס מאמעס איז אויך פון טבריה, ס'איז דורות.

**אדמו"ר שליט"א:** ד' אמהות.

**הגה"צ רבי מיכל:** ווי?

**אדמו"ר שליט"א בדרך צחות:** ד' אמהות.

**הגה"צ רבי מיכל:** ד' אמהות יא... ס'איז נאך מער, למעשה זענען מיר די איינציגע משפחה חרדית וואס איז געבליבן פון די עלי' פון רבי'ן רבי מענדעלע (מ'וויטעבסק זי"ע) ס'איז נישט צו גלייבן. (כי זקינו היה מהחסידים שעלו לארץ ישראל עם הה"ק מ'וויטעבסק זי"ע והתיישבו בטבריה).

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'כאפט א פחד.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא די רבי האט פריערט געזאגט ביי די טיר, כ'געב א קוק ארום יא ס'איז דא נאך, אבער אלעס פון דעם זעלבן זיידן, מיין באבעס א שוועסטערס קינדער אויך חרדים - האב איך געפרעגט אמאל ר' יודל סלאנימער (ז"ל) א זון פון ר' מאטל[2] (ה"ה הגאון הצדיק רבי מאטיל מסלאנים זצ"ל), צי ס'איז ריכטיג, האט ער געזאגט יא ס'איז ריכטיג. כ'האב געפרעגט מיין טאטן, האט מיר מיין טאטע געזאגט אז א חלק זענען צריך געפארן, א חלק זענען נעבעך אויסגעשטארבן.

**אדמו"ר שליט"א:** שווערע צייטן.

**הגה"צ רבי מיכל:** און א חלק זענען נעבעך אראפ פון וועג, די שפעטערדיגע דורות.

**אדמו"ר שליט"א:** א פחד.

**הגה"צ רבי מיכל:** ממש די איינציגע משפחה חרדית און כ'האב עס נאכגעקוקט, אזוי ס'איז דא איינער ר' אהרן סוראסקי וואס האט דאס חוקר געווען, ער האט מיר געזאגט כ'האב עס חוקר געווען בודק געווען, דאס איז די איינציגע משפחה, ס'איז נישט נאר אונז, אונז האלט מיר שוין צו די קינדער אבער אלס פונעם זעלבן שורש, פונעם זעלבן הגה"צ רבי מיכל פרומקער וואס מיר זענען אייניקלעך.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ווען איז עס געווען, תק"צ?

**אדמו"ר שליט"א:** דער חתם סופר שרייבט דאך דעס אז די רעש וואס איז געווען. (עיין בספר חתם סופר עה"ת (פרשת אמור) איך שהספיד את חורבן העיר צפת, וכתב שם שהסיבה היא מחמת קנאת ירושלים בשאר עיירות שהאנשים נתיישבו בערי הגליל, ולא בעיה"ק ירושלים ת"ו).

**הגה"צ רבי מיכל:** אז ס'איז געווען, וועגן זיי זענען נישט געפארן אויף ירושלים. ער [החת"ס] שרייבט (דרשות חת"ס ח"ב דף ש"ל ע"ג בהגה) אז ר' עמרם חסידא איז ארויף האב איך אים געזאגט אז ער זאל פארן קיין ירושלים. (עיין בתשובות חת"ס חיו"ד סי' רל"ד להגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל).

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ער איז אויך נישט געגאנגען.

**הגה"צ רבי מיכל:** ער האט אים געשריבן א התנצלות אבער ווייזט אויס, די חת"ס דערמאנט אבער ר' עמרם חסידא'ן, ער איז נעבעך נפטר געווארן ביי די פערציג יאר, א גדול בישראל.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** אין חת"ס.

**הגה"צ רבי מיכל:** אין די דרשות אין די הקדמה פון די דרשות אין איינע.

---

[2] היה מזקני חשובי חסידי סלאנים, שנתקשרו בקשר חזק אל מרן רביה"ק זי"ע בקשר חזק ואמיץ, ראה בארוכה גודל התקשרותו במרן רביה"ק זי"ע בספר מושיען של ישראל מהאי חכם וסופר הרב החסיד הנודע רבי שלמה יעקב געלבמאן שליט"א שהעתיק שמועות מזקני חסידי סלאנים מכל אותו התקופה, תשואות חן חן לו.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** אין הספד האט ער געמאכט א ברכה.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא אין הספד [ר' עמרם חסידא] האט געמאכט, ברוך שמאיר לו לעבדיו מאור הגנוז.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** פאר די פטירה.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא פאר די פטירה, ביי מיר איז דא א שטיקל ראי' אין די גמ', די גמ' זאגט אין מגילה כ"ד, לגבי איש שלא ראה מאורות ל"ע א סגי נהור צו ער קען מאכן א ברכה יוצר אור, זאגט די גמ' הרבה צפו לדרוש במרכבה ולא ראו אותה מימיהם זיי האבן נישט צופה געווען, פשטות זעהט אויס אין די גמ' אז ס'איז א שאלה פון א ברכה צו מאכן יוצר אור, ווייזט אויס אז דער וואס האט צופה געווען האט געמאכט א ברכה, אז נישט וואס איז די צושטעל צו אן ענין פון א ברכה, נאר דער וואס האט צופה געווען האט געמאכט א ברכה.

מ'האט אמאל געפרעגט רבי נתן אדלער (אב"ד פראנקפורט דמיין רבו של מרן החת"ס זצ"ל), דער אייבישטער האט דאך געגעבן די תורה נגלה ונסתר, וואס האט ער געגעבן פריער נגלה צו נסתר, מסתם ביידע צוזאמען, זאגט ער ניין, ער האט געגעבן דאס ערשטע תורת אמת.

האב איך דעם שמועס געפרעגט, פון וואנעט ווייסט ער? זאגט ער ס'איז א גאנצע פשוטע זאך דער אייבישטער האט זיך באוויזן מיט די מעשה מרכבה אתה נגלית בענן כבודך, די תכלית פון לימוד הנסתר איז צופה די מרכבה אזוי שטייט אין די גמרא, די ערשטע זאך האבן אידן געזעהן די מרכבה ערשט נאכדעם האט די אייבישטער געגעבן די תורה על כרחך האט אונז געלערענט נסתר פריער.

**אדמו"ר שליט"א:** מ'דארף נאך אבער לערנען נגלה פריער.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא, פריער, אינמיטן, און נאכדעם... ס'קען טאקע זיין מיר ווייסן דאך נישט, מיר גלייבן יעדער איינער איז עמדו רגליו על הר סיני כדי אז מ'זאל טאקע זוכה זיין צו פארשטיין די תורה האט מען געמוזט עפענען שערי שמים מ'זאל זעהן אתה נגלית ס'האט זיך געפענט אידישע הערצער צו פארשטיין די תורה.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב הראה על ר' מרדכי זאב האלבערשטאם ואמר:** ר' מרדכי זאב פארעט זיך מיט די חק רבי מיכל לערענט פאר.

**הר"ר מרדכי זאב:** כ'האב געברענגט דא איין [חלק אחד שהו"ל ע"י מפעל החק].

**והראה לרבינו ואמר:** דאס איז אויף פרשת בראשית נאר, די נייע.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ער לערענט פאר עקסטער חומש רש"י און עקסטער משניות און עקסטער ש"ס אויך, דעס איז וואס מ'לערענט פאר אינאיינעם.

**אדמו"ר שליט"א:** נאכדעם וואס מ'האט שוין פארגעלערענט די משניות קען מען שוין....

**ר' מרדכי זאב:** ס'איז א עקסטערע זאך חק איז א עקסטערע זאך.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** יא איך פארשטיי.

**אדמו"ר שליט"א:** איך פארשטיי יא...

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** דאס איז בראשית? סדרה בראשית אליין?

**ר' מרדכי זאב:** נאר סדרה בראשית אליין.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ס'איז שווערער צו לערנען.

**אחד מחתניו:** קודם האט מען געמאכט א גרינגען פירוש.

**אדמו"ר שליט"א:** הא?

**אחד מחתניו:** קודם האט מען געמאכט א גרינגען פירוש מיט טייטש, נאכדעם מער באריכות מיט הערות מיט אלע מפורשים ראשונים און אחרונים אויפן פלאץ.

**ר' מרדכי זאב:** די רבי האט געזאגט וועגן משניות מ'האט צוטיילט אויף יעדן מועד, אויף יעדן סדר איז דא אן עקסטערע הקדמה.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ס'איז דא אזעלכע פלעצער - כ'זאגט דעם רבין - ווי למשל אין זידיטשוב האט מען נישט געלאזט לערנען קיין חק.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב נישט געהערט דערפון.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** די קינדער האט ער נישט געלאזט לערנען, ער האט געזאגט זיי זאלן לערנען גמרא[3].

**אדמו"ר שליט"א:** די זיידע די קדושת יו"ט פלעגט אויך עס לערנען, ס'איז איינמאל געווען די ברודער די אוהלער רב.

**משב"ק ר' יודא וויינשטאק:** ר' משה יוסף.

**אדמו"ר שליט"א:** יא ר' משה יוסף, האט אים געפרעגט עפעס א שאלה וואס ער זאל טוהן, האט ער אים געזאגט ער זאל קומען מארגן. דעם אנדערען טאג האט ער אים געזאגט אה.. ער האט געפרעגט צו ער זאל זיך אריבערציען אויף אן אנדערן שטאט, האט ער אים געזאגט אז נאכדעם וואס די ייטב לב איז אוועק האט ער זיך מיישב געווען, אידן קומען מיר פרעגן שאלות וואס זאל ער טוהן פון וואו ווייס איך וואס צו ענטפערן, האט ער אפגעמאכט ער גייט לערנען חק און ער געבעטן דעם אייבירשטען ער זאל אים אין חק אייביג ווייזן ער זאל אין חק זעהן אלס וואס צו ענטפערן. זאגט ער היינט ביסטו שוין געקומען נאכן חק זאלסט קומען מארגן.

**ר' מרדכי זאב:** די מעשה איז דא אין די מבוא, ר' מיכל'ס זוהן האט עס געמאכט.

**הגה"צ רבי מיכל:** מיין זון האט עס געמאכט דא א מבוא.

**אדמו"ר שליט"א בצחות:** ס'איז שווער צו דערציילן א מעשה וואס ער ווייסט נישט.

[3] עיין בספר פאר יצחק (אות ו') שפע"א קנה הגה"ק רבי מענדל בנו של הגה"ק מהרי"א מזידיטשוב ספרי חוק לישראל, ואביו הק' ציוה למוכרו, ואמר לו שהוא רוצה שבניו ילמדו הכל מן המקור ולא מליקוטים שונים.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** זיי זענען סיגוט'ער אייניקלעך אויך.

**ר' מרדכי זאב:** די צאנזער זיידע האט געלערענט חק יעדן טאג.

**אדמו"ר שליט"א:** וואס?

**ר' מרדכי זאב:** די צאנזער זיידע האט געלערענט חק יעדן טאג.

**אדמו"ר שליט"א:** אזוי? די דברי חיים האט געלערענט חק?

**ר' מרדכי זאב:** יא ס'איז דא קודם ר' רפאל שרייבט עס, נאכדעם זשמיגראדער רב שרייבט עס אויך אין זיין חמדה גנוזה.

**אדמו"ר שליט"א:** חמדה גנוזה, יא?

**ר' מרדכי זאב:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** שינאווער רב ווייסט מען אויך[4].

**משב"ק ר' יודא וויינשטאק:** ער האט געזאגט ס'איז מסוגל פאר פרנסה.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** חק לישנא דמזוני (ביצה כב.).

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** דער חיד"א האט דאך מעורר געווען[5].

**משב"ק ר' משה פר"מ:** היינט לערענט מען אסאך צוריק פון חק.

**משב"ק ר' יודא וויינשטאק:** יא ס'ווערט צוריק.

**אחד הנוכחים:** היינט איז אין די בתי מדרשים דא גרויסע שיעורים.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** וויפיל מענטשן לערנען דאס?

[4] כידוע בשם הגה"ק רבי משה יצחק מפשעווארסק זצ"ל שהגה"ק משינאווא קיבל על עצמו ללמדו בלי הפסק, ואף פע"א הגיע מחותנו הגה"ק מהר"י מבעלזא לבקרו, והרה"ק משינאווא לא רצה להפסיק באמצע הלימוד.

[5] החיד"א ז"ל בספרו דבש לפי מרכת ת' אות מ"א מבאר גודל הענין בלימוד זה, וכן קבע ביאור בסדר החק, והוא פירוש יוסף לחק, וע"ע בספר פלא יועץ אות קביעות עתים לתורה מגודל לימוד החק לישראל.

**ר' מרדכי זאב:** זייער אסאך.
**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** הונדערטער?
**ר' מרדכי זאב:** יא! כ'האב צוויי מגידי שיעורים איינס רבי מיכל און.
**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ניימארקער רב, דעם רבי'נס מחותן. זיין זון יואלי לערענט אויך פאר.
**משב"ק ר' יודא וויינשטאק:** אין מווירטל ביהמ"ד (בית מדרשינו המפואר במווירטעל סטריט] לערענט ער פאר.
**ר' מרדכי זאב:** יא, ער האט עקסטער אויפן טעלעפאן.
**אחד הנוכחים:** ובלכתך בדרך האט דאס גרינגער געמאכט, בכלל דאס אז מ'זאל מיטהאלטן לערנען.
**הגה"צ רבי מיכל:** יא, איך וועל אייך זאגן ס'האט מיר אמאל א איד מיט יארן צריק געזאגט מסתם די רבי האט אים געהערט פון אים געוועון דא איד ר' יחזקאל בעסער געוועון דא, א וואוילע איד געוועון.
**אדמו"ר שליט"א:** יא, ער האט געזאגט א מורא'דיגע ווערטל וואס די רבי (רביה"ק בעל הויואל משה זיעועכי"א) האט אים געזאגט, ער האט נישט געהייסן בעסער ער האט געהייסן קושינצקי, האט ער געזאגט אז די רבי האט אים געזאגט אלע וואס ס'קומען קיין אמעריקע ווערט ערגער, די ביסט געקומען און ביסט געקומען קיין אמעריקע געווארן "בעסער".
**הגה"צ רבי מיכל:** האט ער מיר אמאל געבעטן ווען כ'האב אים געטראפן זאגט ער - מיין רעביצין וויל אייך עפעס זאגן - זאגט זי: גיט א קוק וואס איר זאגט אין דף היומי פארשטיי איך נישט, איין זאך ווייס איך פון ווען איר זאגט דף היומי, רעדט מען נישט ביי מיר אין די קאר קיין לשון הרע.
**אדמו"ר שליט"א:** פשי.
**הגה"צ רבי מיכל:** מ'איז פארנומען מיט בעסערס.

ס'איז א פלא'דיגע זאך ר' מאטל (מסלאנים זצ"ל) איז געוועון אזוי פארקאכט אינעם הייליגען רבין - כ'ווייס נישט צו דער עולם ווייס ר' יודל דער זון, איז געגאנגען - האט ער אים געזאגט איך וועל דיר געבן א האלבן טאלער.
**אדמו"ר שליט"א:** יא זאלסט זעהן די צורה.
**הגה"צ רבי מיכל:** זאלסט שטיין אין קוקן אויפן רבי'ן.
**אדמו"ר שליט"א:** די צורה, יא.
**הגה"צ רבי מיכל:** ר' מאטל איז געוועון א מבין.
**אדמו"ר שליט"א:** יא.
**הגה"צ רבי מיכל:** ער האט דאך געגומען דעם עולם קיין מירון צו אים אויף א שבת.
**אדמו"ר שליט"א:** יא, ביי די נענועים האט ער אויך עפעס...
**הגה"צ רבי מיכל:** כ'האב געהערט פון די זקנים ביי אונז סלונים'ער זקנים, זיי האבן געהאט א געפיל אין עבודה, וואס האט זיי צענומען איז ביי די שובבי"ם שמועסן שלש סעודות, די שמועסן פון שובבי"ם של"ס האט זיי אינגאנצען בע'רעש'ט. [כן מובא בהקדמת שו"ת דברי יואל מהגאון החסיד רבי יוסף אשכנזי ז"ל].
איך געדענק אים (רבינו הק') פון קינדוווייז, כ'קען נישט זאגן פונקטליך די יארן תשי"א צו תשי"ח, כ'געדענק אים זיין ביי ר' יואל, נאכדעם בין איך שוין געוועון אין ירושלים אלץ בחור פלעג איך נישט פארפעלן קיין טיש נישט פארפעלן קיין דאווענען, איך געדענק דעם ערשטען מאל וואס ער איז געקומען אין ביהמ"ד, סאטמאר ביהמ"ד דארט אויף רחוב יואל, ס'זעהט אויס ווי ירמיהו הנביא אבער ס'איז רחוב יואל.
**אדמו"ר שליט"א:** יא יא.
**הגה"צ רבי מיכל:** איז געוועון דאכט זיך דעמאלס ווען מ'האט געבויט די בית המדרש, איז ער געוועון דארטן שבת, כ'וועל זאגן א ערך כ'בין געוועון א אינגל פון 12 יאר, ער האט געהאט א נייע בעקיטשע, און איך האב זיך דארטן

געשטופט, כ'געדענק ביז איצט די בעקיטשע איז קאליע געווארן.

**אדמו"ר שליט"א:** יא

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** די אהבה רבה וואס ער זיך דארט צוארבעט. איך געדענק א דרשה וואס ער האט געזאגט אין די מאה שערים'דיגע ישיבה איך מיין אז ס'איז געווען י"ח תמוז צומארגענס פון י"ז, י"ז תמוז איז געווען א נדחה, און ער האט געזאגט מוצאי דעם תענית, איך געדענק ר' דוד יונגרייז זצ"ל - ר' דוד איז געווען א מורא'דיגע בעל דרוש - ער האט גערעדט ווי אזוי זעהט אויס י"ח תמוז א גאנצען דרוש, אבער דעם הייליגען רבין געדענק איך נאר ואינון בכיין וקריין את שמע, אה ס'האט זיך געארבעט מעשים. ס'איז באוואוסט. [תיוב"ע על פסוק והמה בוכים פתח האוהל].

**אדמו"ר שליט"א:** דעם בכיין יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** בכיין וקריין שמע.

**אדמו"ר שליט"א:** איר וואוינט היינט אויך אין ירושלים?

**הגה"צ רבי מיכל:** איך וואוין אין ירושלים יא, פון די בר מצוה מיינע, געפארן לערנען אין סלונים'ער ישיבה.

**אדמו"ר שליט"א:** טבריה איז געווארן צריך עפעס א שטאט? צפת איז געווארן אביסל...

**הגה"צ רבי מיכל:** אין טבריה די ספרדישע ישוב איז גוט געווארן, אבער די אשכנזישע איז אינגאנצען נישט דא, ס'איז נישט מער ווי געבליבן צוויי פרומע אידן, בתכלית איז דא צוויי, איינער וואס פירט די ישיבה [ישיבת אור תורה של הגאון רבי משה קליערס זצ"ל] און נאך א איד, צוויי אידן אינגאנצן.

**אדמו"ר שליט"א:** פשיהא.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** זיי זענען חרוב ממש, חרוב ממש אינגאנצן היינט.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא אבער ס'איז געווארן געבויט ספרדישע אידן איז דא זייער יראים וחרדים, מיט א ספרד'ישע חדר על טהרת הקודש יא יא. זיי האבן זיך אויסגעבויט, און ס'איז דא נאך די בעסערע, די בעלי תשובות אויך דארט. ער פלעגט זאגן ר' אשר אהרן ס'וועט קיינעם גארנישט העלפן ס'שטייט (סנהדרין צז.) והגליל יחרב, איז והגליל יחרב.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**אחד הנוכחים:** מ'פלעגט צו גיין צו ר' חייא ובניו און ר' עקיבא ס'איז געווען א געוואלדיגע התעוררות א מוראדיגע התעוררות.

**הגה"צ רבי מיכל:** ס'איז געווען א סדר המסורות צוויי זאכן געווען מסורות, כ"ה אלול פלעגט מען ענדיגען די ישיבה, פלעגט די גאנצער עולם ארויסקומען, מ'האט געדאווענט מנחה אין ישיבה און מ'איז געגאנגען אויף די קברים פון רב כהנא. דער קבר פון רב כהנא היינט איז איז דא דארט א לאך, מ'האט עס חרוב געמאכט. אבער דאס איז געווען א באוויסטע קבר איז דא א אריינגאנג דארט מ'קען עס געפונען.

**אחד הנוכחים:** ר' ירמיהו איז אויך דארט.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא ר' ירמיהו און רב כהנא די צוויי.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'איז טאקע א שווערע שטאט, כ'מיין ס'איז טאקע ביים ים איך מיין ס'איז א...

**הגה"צ רבי מיכל:** ס'איז א שווערע שטאט, און ס'איז ווינטער אויך געווען א שווערע שטאט, ס'איז א שטאט פון בעדער, א שטאט פון בעדער.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** די זקני החסידים, ר' יואל איז נישט געווען קיין בן יחיד.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** די רבי האט געקענט ר' יואל?

**אדמו"ר שליט"א:** יא זעכער זעכער.

**הגה"צ רבי מיכל:** ער איז נישט געווען א בן יחיד.

**אדמו"ר שליט"א:** יא יא

**הגה"צ רבי מיכל:** ר' אהרן לוריא [בעמח"ס עבודת פנים], ר' מתתי' לוריא זקנים עובדי השם.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** די וואס זענען נאך געווען פריער געווען זענען געווען תלמידים פונעם יסוד העבודה, נאך פון קאברינער (ה"ה הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע] און למעלה בקודש רבי ר' מענדעלע. (מ'וויטעבסק)

**אדמו"ר שליט"א:** טבריה איז בעיקר געווען חסידים נאר?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא

**אדמו"ר שליט"א:** נאר חסידים? די ליטוויקעס זענען נישט געווען?

**הגה"צ רבי מיכל:** מיר האבן א קבלה.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** אז ר' מענדעלע [מ'וויטעבסק זי"ע] האט געוואונטשן אז ס'זאל נישט זיין אין שטאט קיין מנין נוסח אשכנז, און ס'איז נישט קיין ווערטל.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** ס'איז געווען אין מיינע צייטן, שוין תשי"ז איך בין דעמאלס בר מצוה געווארן, איז די חברון'ע ישיבה האט געמאכט א סניף געוואלט לערנען, א סניף פון גוטע בחורים, האט זיי ר' אשר ווערנער (מחשובי חסידי סלאנים בטבריה] געזאגט: אז איר וועט דאווענען נוסח ספרד וועט איר האבן א ישיבה אז איר וועט דאווענען נוסח אשכנז נישט. זיי האבן געדאווענט נוסח אשכנז ס'האט געהאלטן צוויי חדשים און ס'איז נעלם געווארן.

**הגה"צ רבי מיכל:** נאך א זאך איז געווען פון ר' מענדעלע: אז דער שוחט פון גסות זאל זיין שטענדיג אשכנזים און אזוי איז געווען.

**אדמו"ר שליט"א:** אשכנז?.

**הגה"צ רבי מיכל:** שטענדיג געווען אשכנז. אפי' די ספרדים זענען געווען רוב שטאט, זיי האבן געהאט נישט נאר רוב שטאט זיי האבן געהאט די שליטה אין שטאט. די רב פון שטאט איז געווען א ספרד'ישער, ס'הייבט זיך נאך פונעם מהר"ח אבולעפיה, ער איז דאך געווען די מייסד הישוב, דער שוחט פון גסות איז געווען דער ר' אשר'ס פאטער איז געווען די לעצטער שוחט. ס'איז דא מ'האט געברענגט א שוחט פון די אגודה, אלץ איז געווען א שוחט, ווייל אויף גסות איז דאך דא מער שאלות, א שוחט פון עופות איז געווען ר' חיים יודל, א וואוילער איד.

היינט פירט מען זיך נאך אזויפיל זאכן כמנהג הבית יוסף, מיר מאכן נישט קיין ברכה אויף תפילין של ראש (עי' בשו"ע או"ח סי' כ"ה).

**אדמו"ר שליט"א:** ניין?

**הגה"צ רבי מיכל:** ניין, און די צווייטע זאך מיר מאכן נישט קיין ברכה אויף הלל פון ראש חודש און חול המועד. און הגבה גייט מען פארן ליינען נישט נאכן ליינען, כמנהג הספרדים.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** וואו איז סלאנים פירט מען זיך אזוי? גאנץ סלאנים איבעראל? ירושלים?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא, די רבי די בית אברהם האט געזאגט מ'זאל זיך פירען ווי אין טבריה, ס'איז געווען א נייע ישוב ווען מ'האט געבויט די שטיבל, ער האט געגרינדעט די שטיבל האט ער געזאגט אז מ'זאל זיך פירען אזוי ווי טבריה, אזוי איז ביז היינט, אלע חסידי ארץ ישראל נישט אין קארלין זאגט מען, נישט אין בויאן. מ'דאווענט מיט א טלית פרייטאג פארנאכטס.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** דער גאנצער עולם.

**אדמו"ר שליט"א:** יעדער?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא, אלע.

**אדמו"ר שליט"א:** אה.

**הגה"צ רבי מיכל:** דאס איז מיסודו פון רבי ר' מענדעלע (מוויטעבסק).

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** און רמב"ם שטייט דאך מ'זאל אנטוהן א טלית.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** און נאך א זאך די חמש מגילות רות, קהלת זאגט מען אפי' נישט אין סידור, מ'ליינט נישט, מ'זאגט אפי' נישט, אזוי ווי די ספרדים מ'זאגט נישט רות, נישט קהלת.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז דא וואס ליינען עס אין.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** קלף.

**אדמו"ר שליט"א:** קלף, יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא, דאס איז די נוסח אשכנז יא, אבער ביי אלע חסידים זאגט מען עס פון א סידור יא, ביי אונז גארנישט, ס'איז אלס די זעלבע יסוד.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** הייסט איכה זאגט מען נישט?

**הגה"צ רבי מיכל:** ניין, איכה יא, אבער די רות וואס מ'ליינט יו"ט, קהלת שיר השירים.

אוודאי די רבי האט געפרעגט, ס'איז אזוי מקובל ס'איז קיינמאל נישט געווען קיין מנין נוסח אשכנז, א מורא'דיגע מעשה. - ס'איז אויך דא זאכן אין טבריה, אין טבריה דוכנ'ט מען נישט א גאנצע וואך נאר מוסף פון שבת.

**אדמו"ר שליט"א:** נאר מוסף שבת?.

**הגה"צ רבי מיכל:** מוסף יו"ט אוודאי.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** און וויפיל מ'האט פראבירט צו זוכן פון ווי קומט עס, יו"ט איז דאך א רמ"א (בשו"ע (אורח חיים סימן קכח) וכה כותב: נהגו בכל מדינות אלו שאין נושאים כפים אלא בי"ט משום שאז שרויים בשמחת י"ט וטוב לב הוא יברך מה שאין כן בשאר ימים אפי' בשבתות השנה שטרודים בהרהורים על מחייתם ועל ביטול מלאכתם ואפי' בי"ט אין נושאין כפים אלא בתפלת מוסף שיוצאים אז מבהכ"נ וישמחו בשמחת יו"ט (דברי עצמו) וכל שחרית ומוסף שאין נושאין בו כפים אומר הש"צ אלהינו ואלהי אבותינו וכו' כדלעיל סוף סי' קכ"ו ויום הכפורים נושאים בו כפים כמו ביו"ט ויש מקומות שנושאים בו כפים בנעילה ויש מקומות אפי' בשחרית), א גאנצע וואך איז דאך פשטות אין שו"ע, אבער נאר שבת. דאס איז געווען די מנהג. און הדלקת הנרות איז אזוי ווי אין ירושלים פערציג מינוט פאר די שקיעה.

**אדמו"ר שליט"א:** וואס איז די מקור פון די פערציג מינוט פאר די שקיעה?

**הגה"צ רבי מיכל:** פשטות פון די פערציג מינוט איז יוצא צו זיין דעם יראים (סי' קל"ח), אז ס'איז אכצן מינוט נאך פאר בין השמשות.

**אדמו"ר שליט"א:** פיר און צוואנציג מינוט, יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** און נאך 2 מינוט.

**אדמו"ר שליט"א:** פיר און צוואנציג מינוט.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** תוספות שבת אויפן יראים, דאס איז די פשטות פון די פערציג מינוט.

**אדמו"ר שליט"א:** איז נאכנישט קיין פערציג, וואס איז די פערציג?

**הגה"צ רבי מיכל:** ניין, לויטן יראים איז די שקיעה הייבט זיך אן צוואנציג מינוט פריער, איצטערט צוואנציג מינוט מאכט מען דאך מיט די תוספת, 18 מינוט מאכט מען מיט תוספת, מען האט געוואלט עפעס מוסף זיין, דאס איז די חשבון פון די פערציג מינוט. אזוי פירט מען זיך אין ירושלים. - מצד שני איז אין ירושלים געווען א מורא'דיגע קפידא נישט זיך צו פירן ווי די רבינו תם. איר קענט דאס זיך נישט פארשטעלן, רבי יוסף חיים זוננפעלד, מרא דארעא דישראל, ער אליין האט זיך געפירט ווי די רבינו תם.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** אבער א מוראדיגע מעשה, ער איז דאך געווען ממונה אויף די חברא קדישא אז ס'איז ל"ע געווען א נפטר, איז דא א הוראה פון ר' שמואל סלאנטער אז מען מעג מטפל זיין זיבעצן מינוט נאך די שקיעה, איז געווען א מעשה אז ס'איז נפטר געווארן צוויי נפטרים איינער איז געווען א געוועוונדליכער איד, איינער איז געווען א אדם גדול וואס האט זיך כל

ימיו מקפיד געווען אויפן רבינו תם, זענען די בני המשפחה געקומען צו ר' יוסף חיים זונענפעלד אז ווי באלד ס'איז דאך סיי ווי דא א פריערדיגע נפטר ס'איז דא נאך א נפטר איז וואלטן זיי געוואלט אז מ'זאל זייערע... האט ער געזאגט ס'וועט אייך גארנישט העלפן אין שלחן ערוך שטייט אז דעם ערשטן נפטר, דער איז נפטר געווארן דער ערשטער וועט מען מאכן פארדעם. ר' יוסף חיים אליין האט מקפיד געווען אויפן רבינו תם, א מוראדיגע מעשה, ס'איז געווען געפערליך נאך פון ר' ישראל סלאנטער פון כל גדולי עולם.

**אחד הנוכחים:** פאר זיך האט ער יא מחמיר געווען?

**הגה"צ רבי מיכל:** יא ר' יוסף חיים זונענפעלד פאר זיך האט ער זיך זיכער מחמיר, אבער דא האבן זיי געבעטן אז ס'איז דאך שוין דא, האט ער געזאגט ניין אז די דין איז אז דער ערשטער דארף מען מטפל זיין, ס'זאל זיין שמחות, אזוי איז געווען אין מילה, מ'האט נישט געהאט קיין שום ספיקות, אז ס'איז געבארן פרייטאג פארנאכטס האט מען אויך געמל'ט שבת.

**אדמו"ר שליט"א:** געמל'ט שבת? ביי אונז אז ס'איז געווען א ברית האט מען געמאכט זונטאג.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** בין השמשות.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** איך געדענק אז די רבי איז געווען - די הייליגער ר' יואליש - האט ער געהאלטן רבינו תם מוצאי שבת נישט קיין שום ספק נישט, אבער אויך ערב שבת.

**אדמו"ר שליט"א:** ערב שבת מ'האט אים נאכגעשריגן.

**הגה"צ רבי מיכל:** מ'האט אים נאכגעשריגן, ס'איז ריכטיג אז נאר ירושלימ'ער .... קענען דאס, אבער מ'האט עס געשריגן.

**אדמו"ר שליט"א:** ער איז געקומען פון מקוה.

**הגה"צ רבי מיכל:** געקומען פון מקוה יא. ער האט אבער געזאגט זיי זענען גערעכט, ער געזאגט זיי זענען גערעכט, ירושלים איז ירושלים. עס איז געווען א מורא'דיגע סיפור, איך האב עס געהערט פון זקני ירושלים, ר' יהושע לייב דיסקין דער קודש הקדשים.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**הגה"צ רבי מיכל:** האט דאך נישט געדאווענט מיט מנין ער האט געדאווענט ביי זיך אין שטוב, ער פלעגט נאר ארויס גיין צו קריאת התורה, האט מיר אמאל א איד פון די זקנים געזאגט אז ער האט געהאט די שטוב, ממש אזוי, אז די שטוב האט געהאט א טיר צום בית המדרש, און ער פלעג ארויסקומען צו קריאת התורה. האט מען געזאגט, אז צוויי אינגעלייט פון די חשובע, זענען אריין און זיי האבן אויסגעטוהן די שיך געקומען מקבל נזיפה זיין אבער זיי מוזן וויסן מה טעמא דרב, פארוואס דאווענט ער נישט [עם מנין בבית המדרש], ווען זיי זענען ארויס האבן זיי געזאגט אז זיי קענען נישט זאגן וואס ער האט זיי געזאגט, ווייל ער האט זיי פשוט ארויסגעווארפן אלע טרעפ.

**אדמו"ר שליט"א בצחות:** אבער זיי זענען געגאנגן פרעגן.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא. מ'זאגט דאך נאך אז די רבי (רביה"ק בעל הויאל משה זי"ע) האט געזאגט אז דא געט מען אים געלט אין מ'בעט אים עצות, אבער דארט נעמט מען פון אים געלט אין מ'געט אים עצות. אוי איז ער געווען א חכימא דיהודאי חוץ דאס גרויסקייט.

**אדמו"ר שליט"א:** אבער ירושלים האט א חן.

**הגה"צ רבי מיכל:** כ'האב אמאל געזאגט טאקע אין אמעריקא, ס'איז געווען עפעס א גרויסע [חכם] האט ער געזאגט: די וועלט זאגט א ווערטל מ'זאגט הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל ישראל, זאגט די וועלט אז ירושלים דארף א

עקסטערע [ברכה פאר שלום], האב איך איהם געזאגט איר וועט זאגן אויף ירושלימ'ע אידן אזאלכע זאכן ווי? אבער די קשיא איז דאך א קשיא.

איז איין ווערטל, האט איך געהערט פון א איד, ער זאגט אז ער האט עס געהערט פון רבי יצחק ירוחם דיסקין זצ"ל חול המועד סוכות, ר' יצחק ירוחם האט געפרעגט די קשיא ס'שטייט דאך תלמידי חכמים מרבין שלום בעולם, וואס איז די מעשה א שטאט ווי ירושלים מלאה חכמים וסופרים, און ס'איז דא מחלוקת, האט ער געזאגט אז איין תלמיד חכם איז מרבה שלום, אבער צוויי איז ריבוי אחר ריבוי אלא למעט.

**אדמו"ר שליט"א בצחות:** ס'שטייט דאך תלמידי חכמים.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא דאס איז דאך נישט צוויי. איך האב דעמאלס געזאגט אז די פשט איז פשוט, אז אלע זענען בעלי בתים איז די תלמיד חכם מרבה שלום צווישן זיי, אבער צווישן זיך.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** אין חבוש מתיר עצמו...(ברכות ה:).

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** אבער כ'האב געזאגט - קען זיין אז ס'איז א דבר קרוב לאמת - ס'שטייט דאך די אידן האבן עולה רגל געווען אויף ירושלים הכל חברים (רש"י חגיגה כ"ו.), ס'איז נישט אזוי פשוט, מיר האבן נישט קיין השגה א חבר וואס איז זריז בחולין בטהרה, אז דער עם הארץ קומט אים געבן וויין קענסטו נישט זאגן איך טרינק נישט, מ'זאל זיך ביי אונז היינט פארשטעלן איינער זאל געבן א זאך נישט מיט מיין הכשר פארוואס זאל איך עס עסן, האט מען געדארפט א עקסטערע ברכה הפורש סוכת שלום על ירושלים, דאס איז פון די מעלות פון ירושלים, אז הכל חברים ברגל.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** די מדרש אין איכה רעכנט דארט אויס די חכמי ירושלים די קינדער וואס זיי האבן געהאט.

**הגה"צ רבי מיכל:** די חכמה אוודאי.

**אדמו"ר שליט"א:** דאס קען מען אויך נישט אפטייטשען בפשטות, מ'קען נישט אזוי אפלערנען אגדות חז"ל אזוי...

**הגה"צ רבי מיכל:** ווי?

**אדמו"ר שליט"א:** אגדות חז"ל איז נישט.

**הגה"צ רבי מיכל:** אבער מ'זעהט אז די חז"ל האבן עס פארציילט אז מ'זאל וויסן ס'איז געווען אזא זאך.

**אדמו"ר שליט"א:** יא

**הגה"צ רבי מיכל:** די התייחסות צו א ווארט פון חז"ל האב איך האב געהערט - דא אין אמעריקא בין איך געווען די גאסט רעדנער ביי די לעיקוואוד'ער דינער, האט ר' מלכיאל געזאגט אין נאמען פון ר' אהרן - דער רבי (מרן רביה"ק) האט דאך זייער משבח געווען ר' אהרן להגיד שלא שינה (בהספידו את הגאון הנ"ל).

**אדמו"ר שליט"א:** יא יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** האט ער געזאגט אז רבי אהרן האט געזאגט: אז ס'איז גרינגער צו רוקען א שטערן אין הימל ווי מגיה זיין א אות אין רש"י. מ'דארף עס חזרן.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

**והמשיך הגה"צ רבי מיכל:** א שטערן אין הימל קען מען אמאל א ריק טוהן, אבער א אות אין רש"י? ווי רוקט מען א אות אין רש"י? ס'איז גרינגער צו רוקען א שטערן אין הימל ווי א אות אין רש"י.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** מ'דארף האבן ביטול די פריערדיגע.

**הגה"צ רבי מיכל:** איך וועל דערציילן פארן רבין א ווערטל, א מעשה שהיה, וואס איך האב עס געהערט פון הרב שך (ראש ישיבת פונוביז' בב"ב), הרב שך האט מספיד געווען דעם רבין אין כולל חזון איש, האט מיר הרב שך געזאגט אז ר' דוד'ל פרענקל - די רבי האט געהערט פון אים - [ה"ה משמשו הנאמן של החזון איש ז"ל] האט אים געשיקט צוויי פלעשער וויין. האט ער מיר געזאגט - מיינט

נישט, אז איך בין עפעס ווערט, נאר ווייל איך האב מספיד געווען דעם רבין".

**אדמו"ר שליט"א:** ער האט טאקע מורא'דיג מספיד געווען דעם רבין.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'האט קיינער נישט מספיד געווען פון דעם גאנצען חדר אזוי ווי ער.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** אזיל גברא דמסתפינא מיניה.

**אדמו"ר שליט"א:** מער ווי דעם האט ער געזאגט, אלעס וואס אונז זעמער, עה עה.. ער איז נישט געווען קיין פיקער, יא איך מיין עפעס האט ער געשפירט.

**הגה"צ רבי מיכל:** אוודאי קיין ספק נישט,.כ'וועל זאגן א כלל, קדושה געהערט זיך צו פרישות ויראת שמים.

**אדמו"ר שליט"א:** עה.. עה.. ער האט דאס געזאגט מיט בכיות, איגאנצען נישט געווען א ליטוואק.

**הגה"צ רבי מיכל:** יא עס איז געווען געוואלדיג.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ער האט מסתמא אמאל געזעהן דעם רבין אפילו?

**אדמו"ר שליט"א:** מסתם.

**משב"ק ר' משה פר"מ:** אפשר איינמאל.

**הגה"צ רבי מיכל:** זיי האבן נישט געהאט קיין קשר, אבער ער האט געוויסט אז דאס איז א איד וואס האט געמאכט, ווי מ'זאגט א סכר האט אפגעשטעלט, אז ס'זאל נישט נגמר ווערן.

**אדמו"ר שליט"א:** די טאטע איז געווען ביי הרב שך (בשנת תשנ"ד), ער איז שוין געווען עלטער ער האט נישט געקענט לערנען, האט ער אים געזאגט ס'איז ימים שאין בהם חפץ.

**הגה"צ רבי מיכל:** איך האב עס אליין געהערט פון אים. איך כ'האב אים געברענגט מיין ספר אמאל, האט ער מיר אזוי געזאגט ער זעהט נישט, זאגט ער - אסאך מאל טראכט איך למה לי חיים. ווען איך קען נישט עפענען א ספר, למה לי חיים.

מיר האט דערציילט א תלמיד מובהק זיינער, ער איז אמאל אריינגעקומען צו אים פרייטאג נאכמיטאג, איז געלעגען א רבי עקיבא איגר, זאגט ער אים: ווייסט פארוואס איך לערן, איך האב געפילט איך גיי אויס, כ'האב כאטש געוואלט אויסגיין פון א רבי עקיבא איגר.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** ס'איז דא חופות, מ'דארף ארויס גיין צו די חופות.

**אדמו"ר שליט"א:** יא.

אדמו"ר שליט"א בירך על היין

ואח"כ כיבד הגה"צ ר' מיכל לברך

**אדמו"ר שליט"א:** לחיים טובים ולשלום דער אייבישטער זאל העלפן לאריכות ימים ושנים קענען מרביץ תורה זיין, אזא גרויסע כח פון הרבצת התורה .

**הגה"צ רבי מיכל:** דער אייבישטער זאל העלפן וואס איר ווינטשט מיט געזונט.

**משב"ק ר' שמואל ט"ב:** אנוויטשען פאר די רביצין.

**אדמו"ר שליט"א:** דער אייבישטער זאל העלפן מ'זאל זעהן אסאך נחת קענען טאקע שטיין לימינו צוהעלפן, טאקע די זכות זאל מגין זיין געזונטערהייט בבריאות השלימות, ערליכע אידישע דורות מתוך שמחה ונחת כל הימים.

**הגה"צ רבי מיכל:** אמן

אדמו"ר שליט"א נתן לחיים לכל הנוכחים

ונפרדו לשלום


**מודעה משמחת**

**שמחים אנו להודיע בזה לכל אנ"ש שיחיו**

**כי אי"ה יהי' ניתן להשיג**

**גליון "בקודש פנימה"**

**אצל כל המקוה-אידן בבתי מדרשינו בכל אתר ואתר**